בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' פ' טהרה | כ"ט אדר ב' | תשע"א | פסחים: ע"ד ע"א

# באריכט:

פארגאנגענעם ליל שב"ק איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום טיש ארום 20 מינוט נאכ'ן גוט שבת זאגן, מיט כל מקדש איז מכובד געווארן מוה"ר חיים טאבאק הי"ו שו"ב פון בני ברק, מיט מנוחה ושמחה איז מכובד געווארן מוה"ר יודא משה געלב הי"ו פון מאנטריאל.

ביי די דברות קודש האט דער רבי שליט"א זיך געשטעלט אויפן פרקי דר' אליעזר לא נתקררה דעתו של איוב עד שהגיע לפרשת "אשה כי תזריע" און ארומגערעדט בדרך דרוש איבערן ענין מילה בלילה און איבער די 2 תירוצים צו משלים זיין די 400 יאר פון יצי"מ, לילות משלימין, און קישוי השעבוד איז משלים.

מיט קה אכסוף איז מכובד געווארן מוה"ר שלמה יעקב מערץ הי"ו פון וויליאמסבורג, מיט קה רבון עלם איז מכובד געווארן מאטעסדארפע'ר רב שליט"א פון ירושלים עיה"ק. מיט ברכהמ"ז האט מרן רבינו שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יוסף לייב קאהן שליט"א.

עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הרה"ק בעל תפארת שלמה זי"ע וועמענס יארצייט עס איז געפאלן היינט, מיט אז ביום השביעי איז מכובד געווארן מוה"ר משה פאלקאוויטש הי"ו פון וויליאמסבורג.

שחרית און מוסף שב"ק בייטאג האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט פאר'ן עמוד כנהוג.

די תוכן דברות קודש פון סעודת רעווא דרעווין וועט אי"ה נאכפאלגן.

❧•❧

## בקודש פנימה

נעכטן – זונטאג אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א', פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל בר"י פארקאש הי"ו.

❧•❧

מיטאג צייט איז דער רבי שליט"א צירוק ערשינען אין ישיבה ווי דער רבי שליט"א האט פאהרגעלערנט דעם טעלגיכען סוגיא שיעור.

❧•❧

אין די נאכמיטאג שעה'ן איז האדמו"ר מ'מאחניבקא שליט"א געקומען אויף א באזוך צו מרן רבינו שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה ועניני שחיטה וחטים למצות און נאך.

~•~

דערנאך איז געקומען צום רבי'ן שליט"א די חברי הנהלה גשמית פון די ישיבה גדולה קרית יואל אינאיינעם מיט'ן סענאט מעדשאריטי לידער מר. דיען סקעלאס אין באגלייטונג פון א חשובע דעלגאציע פון עסקנים ווי דער רבי שליט"א האט זיך פערזענליך באדאנקט פאר די אויבענדערמאנטע פערזענליכקייטן פאר זייער הילף אז די נייע געזעץ פון די "טעפ" קאלעדש פראגראמען – פון וועלכע אלע ישיבות און כוללים פון איבער ניו יארק וועלן נהנה זיין – זאל קענען אדורכגיין אין די בוידשעט פוון די סטעיט בשטומ"צ.

דאן האט דער רבי שליט"א גאהר ווארעם מאציל געווען ברכת קדשו פאר די אלע עסקנים און פערזענליכקייטן.

~•~

נאך מנחה איז דער רבי שליט"א געגאנגען צום ברית לבן הנולד לר' יואל בר"ש פריעדמאן הי"ו וועלכע'ס איז פאהרגעקומען ביי אים אין שטוב.

~•~

ארום 8:15 אווענט איז דער רבי שליט"א ערשינען אין בית אופה המהודרת ד'קרית יואל ווי דער רבי שליט"א האט געבאקן מצות מצוה אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה גדולה פון שיעורי ב', ג' און ד'.

דערביי האט זיך אויך געפונען הרה"צ אבד"ק דקלתינו 15'טע עוו. שליט"א וועלכער האט אויך דארט געבאקן מצות, און שפעטער איז אויך ערשינען הגה"צ ר' חיים צבי מייזליש שליט"א ראש ישיבתינו בבני ברק וועלכער איז געקומען אפנעמען ברכת מזל טוב פון רבי'ן שליט"א אינאיינעם מיט בנו החתן ני"ו לרגל דאס שידוך שליסן די פארגאנגענע וואך למז"ט.

נאכ'ן מצות באקן איז דער רבי שליט"א אריין אין בית השחיטה המהודרת ווי דער רבי שליט"א האט פאר א שטיק צייט בעאבאכטעט דאס פאקן פון די פלייש.

~•~

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ג' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר מאיר יודא ליכטענשטיין הי"ו פון קרית יואל.

נאכ'ן דאווענען האבן אלע בחורי חמד תלמידי הישיבה – וועלכע זענען געגאנגען נאך געלט פאר קופת רבינו אבני חסד און האבן בעזהשי"ת מצליח געווען אריינצוברענגען א פאנטאסטישען סכום איבערשטייגענדי'ג דערמיט די סכומים פון דיפארגאגענע יאהרן – געהאט די זכי' אריינצוגיין אל הקודש פנימה צו מרן רבינו שליט"א ווי זיי האבן ערהאלטן א מטבעת קודש פון רבי'ן שליט"א וועלכער האט דערביי משמיע געווען קורצע דברות קודש ארויסברענגענדי'ג אז "עולם חסד יבנה" איז פשט אז אהן חסד קען די וועלט נישט האבן קיין קיום, און דערביי מאציל געווען ברכת קדשו פאר די בחורים.

~•~

נאכמיטאג האט דער רבי שליט"א פאהרגעלערנט דעם סוגיא שיעור, און אצינד ביינאכט באקט דער רבי שליט"א מצות מצוה מיט די תלמידי הישיבה – שיעור א'.

മ•ଓ

מארגן – ראש חודש וועט אי"ה דער רבי שליט"א פירן א סעודת ראש חודש אינאיינעם מיט'ן מעמד סיום הזמן אין היכל הישיבה.

മ•ଓ

מיט פרייד ווערט אצינד אויפגענומען ביי אנ"ש תלמידי וחסידי סאטמאר אז אי"ה בקרוב וועט ערשיינען לאור עולם דער ספר "לב אהרן" פון מרן רבינו שליט"א אויף מס' אבות.

മ•ଓ

אזוי אויך ערווארט מען אצינד אין די טעג צו ערשיינען פון דרוק דעם פיפטן חלק פונעם בארימטן ספר "ומשה הי' רועה" וועלכער וועט אי"ה ערשיינען לקראת די פיפטע הילולא קדישא פון מרן רבינו הק' זי"ע.

മ•ଓ

## ברוך הטוב והמטיב

היינט אינדערפרי איז אין די שטאט יאס – רומעניע, פאהרגעקומען א רירענדער און היסטעראשער מעמד לוי' וקבורת העצמות דורך די רבני וועד אדמת קודש.

די געשיכטע גייט צירוק מיט עטליכע חדשים ווען די עסקנים האבן זיך דערוואוסט אז אינעם שטאט יאס האבן די רעגירונג'ס בעאמטע ר"ל אויסגעגראבן א מאסן קבר פון די צווייטע וועלט מלחמה פאר פארש-אנגעלגנהייטן.

ווי נאר די עסקני וועד אדמת קודש האבן זיך דערפון דערוואוסט האט מען תיכף ומיד אנגהעויבן שווער ארבעטן ביי די בעאמטע סיי דאהי און סיי אין רומעניע זעלבסט, אז די רעגירונג זאל אומקערן אלע אויסגעגבראבענע עצמות און מ'זאל זיי צירוק קענען מקבר זיין לקבר ישראל ווי עס ברויך צו זיין בדרך כבוד.

נאך לאנגע חדשים פון שווערע ארבעט און הארעוואניע און נאך אסאך שטרויכלונגען מבית ומבחוץ איז בס"ד געלונגען פאר די עסקנים און די בקשה איז ב"ה דערהערט געווארן, און אצינד איז היינט פאהרגעקומען די מעמד הלוי' און קבורה מיט די באטייליגונג פון רבני הוועד ובתוכם הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א ראה"כ תו"י אין וויליאמסבורג און נאך, וועלכע האבן כדת וכדין מקבר געווען די אלע אויסגעגראבענע עצמות.

മ•ଓ

מארגן דינסטאג – ראש חודש פאלט אויס די יארצייט פון הרבנית הצ' רחל ע"ה בת מרן רבינו יואל זי"ע אשת הרה"ק ר' יקותיאל יודא ז"ל אבד"ד סיגוט, אנשי שלומינו וועלן לערנען משניות און צינדן ליכט לעילו נשמתה.

*-ת.נ.צ.ב.ה.-*

മ•ଓ

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**